The Ohio State University
3 2435 06948703 1

יצחק קאַצענעלזאָן

מיין אידיש בוך

ערשטער טייל

אילוסטרירטער אידישער אַלף-בית פאַר קינדער פון
ערשטן האַלבן שול-יאָר.

היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני
50-52 עלדרידזש סטריט
ניו-יאָרק.

Copyright, 1923 by the Hebrew Publishing Company, New York, N. Y.

351 cash
89
440
10
450 for bank

2
2
2
2
2
2
2
2
2
2

יצחק קאַצענעלזאָן

מיין אידיש בוך

ערשטער טייל

אילוסטרירטער אידישער אַלף-בית פאַר קינדער פון ערשטן האַלבן שול-יאָר.

היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני
50-52 עלדרידזש סטריט
ניו-יאָרק.

Copyright, 1923 by the Hebrew Publishing Company, New York, N. Y.

אינהאלט:

צום לערער III
אַ (געשריבן) 1
אָ " 2
ב " 3
ר, ע " 4
ד " 6
ו, או " 7
י, יי, אַי (געשריבן) 8
וו " 9
יי, איי " 10
ז " 12
ל, וי, אוי " 13
ג " 15
אַ, אָ, י, יי, יי, ו, ע, ב, ג (געדרוקטע) 16
ר, ד (געדרוקטע) 17
ז " 18
וו, ל " 19
ט (געשריבן און געדרוקט) 21
נ, ן " " 22
ה " " 24
ס " " 25
פּ, ף " " 27
ק " 29
מ, ם " " 31
מיין קליינע, קלוגע מירעלע. י. קאַצענעלזאָן און מ. בראָדערזאָן 33
פֿ (געשריבן און געדרוקט) 33
צ, ץ " " 35
אַ הינטעלע אַ צוציק. י. קאַצענעלזאָן און מ. בראָדערזאָן 36
איינס און צוויי. מ. בראָדערזאָן 37
ש (געשריבן און געדרוקט) 37
משה רבנו 37
אין וואסער שווימט. מ. בראָדערזאָן 39
דאָס העזעלע. 39
כ, ך (געשריבן און געדרוקט) 41
מיכעלע 41
דאָס פישעלע אין טייך. מ. בראָדערזאָן 44
ח (געשריבן און געדרוקט) 45
חנ'עלע און חיימ'קע. 45
ת, ת, ש (געשריבן און געדרוקט) 48
שבת. מ. בראָדערזאָן 49
כ (געשריבן און געדרוקט) 50
געטראָפן. 50
ב (געשריבן און געדרוקט) 51
אברהם אָבינו 51
ח 53
טש 55
איז מאָטעלע אַ אינגעלע. מ. בראָדערזאָן 57
זש 57
אין קוזשניע. מ. בראָדערזאָן 57
זשאַמעלע און רוזשעלע 58
מענדעלע-הענדעלע. מ. בראָדערזאָן און י. קאַצענעלזאָן 59
דער אַלף-בית 60

צום לערער.

איך האַלט ניט פאַר איבעריק, אין אָנהייב בוך זיך צו ווענדן מיט עטלאַכע ווערטער צום לערער, ווייל אייגענטלאַך איז דאָס בוך ניט נאָר פאַר'ן קינד, נאָר אויך פאַר'ן לערער. דאָס **ערשטע בוך** איז דאָך ניט אַ בוך נאָר צוליב'ן אויסלערנען זיך דאָס מעכאַנישע שרייבן און לעזן; עס איז אויך אַ בוך פאַר אַ קינדערש לעבן און לעבנספרייד, און אַלס אַזעלכעס איז עס אויך פאַר'ן לערער. דער לערער קען ניט געבן יעדעם בוך זיינם דעם קינד. דאָס קינד-בוך דאַרף אָבער שטענדיק גוט זיין פאַר'ן לערער. ווען דעם לערער געפעלט דעם קינד'ס בוך, לערנט זיך גאָר אַנדערש. דעריבער איז טאַקע געוואונשן, אַז איידער דער לערער הייבט אָן דאָס בוך מיט זיין קליינעם שילער, זאָל ער עס גוט אַדורכקוקן, באַקענען זיך מיט זיין סיסטעם און מאַטעריאַל.

קענענדיק גוט דאָס אידישע קינד, האָב איך זיך פונדעסטוועגן אין גאַנצן אויף זיך ניט פאַרלאָזן, און אין אַ סך הינזיכטן זיך באַנוצט מיט דער הילף פון חברים, לערער און שריפטשטעלער.

כדי געוויינען דאָס קינד צו זעלבסטשטענדיקער אַרבעט, האָב איך איינגעפירט די געשריבענע אותיות פריער, ווייזנדיק זיי צו ערשט די עלעמענטן פון אַ קאָמפּליצירטן אות, וועלכן זיי דאַרפן שרייבן. (דער לערער קען עס נאָך מער פאַרלאַנגזאַמערן). עס איז

אויך נויטיק אַז שרייבנדיק זאָלן די קינדער צוזאַמען מיט די ערשטע אותיות מאָלן דעם געגענשטאַנד וואָס איז פאַר־פלאָכטן מיט זיי. צ. ב. ש. **אַ גלאָז.**

האָבנדיק פאַר זיך שטענדיק דאָס לעבעדיקע קינד, האָב איך זיך באַמיט געבן אים אַ לעבעדיק אינהאַלט אויך אין די ערשטע

לעקציעס, ביַי דער קלענסטער צאָל אותיות. וואָס וויַיטער אָבער ווערן די לידעלאַך און דערציַילונגען פריַילאַכער פריַיער און פולער. אויף דער פראַגע פון אַ העברייַאישן לערער: צי זענען עטלאַכע דערציַילונגען ניט אַ ביסל צו קאָמפּליצירט פאַר׳ן קלייַנעם שילער, האָב איך געענטפערט: אין העברייַאישן וואָלט עס טאַקע געווען צו שווער, אין אידישן אָבער ניט. דאָס קינד רעדט אידיש, איַידער עס לערנט עס. וועגן דער **שפּראַך** איז קיַין פראַגע ניט, אַ אידיש קינד קען אידיש! דעם קינד קען אַמאָל פרעמד זיַין אַ באַגריף און דוקא אַזעלכער, אויף וועלכן מיר ריכטן זיך ניט. דעריבער איז געוואונשן, אַז דער לערער זאָל פאַר יעדן בילדל, דערציַילונג אָדער ליד האָבן מיט דעם קינד אַ פאָרבאַרייַטונגס-געשפרעך. די פאָר-באַרייַטונג-געשפרעכן, פאַרשטייַט זיך, זענען צוליב׳ן קלאָר מאַכן פאַר׳ן קינד דעם שווערן באַגריף און ממילא ערקלערן אים אויך דאָס שווערע וואָרט.

בנוגע דעם מאַטעריאַל וואָס איז אַריַין אין **אַלף-בית**, און שפּעטער אין דעם כרעסטאָמאַטישן טיַיל, איז ער כמעט אין גאַנצן אָריגינעל. ניט קענענדיק זיך באַנוצן מיט דאָס ביסל וואָס איז ביַי אונז דאָ אין אידישן האָב איך זיך געמוזט אַליין אַן עצה געבן און באַוועגן צו דער אַרבעט דעם דיכטער משה בראָדערזאָן, פאַר וואָס איך דאַנק אים.

אויב די לערער און פריַינד פון אידישן בוך וועלן מיר אין ציַיט אויפמערקזאָם מאַכן וועגן געוויסע ענדערונגען, אין וועלכע דער אַלף-בית נויטיקט זיך, וועל איך זיך מיט זיי צו דער צווייטער אויפלאַגע געוויס באַנוצן.

י. קאַצענעלזאָן.

1.

lc c ι r l

— lc lc —

— —

lc —

lc —

lc —

 lc —

lc —





K K

K

K

K K K K K K K K

/ / / / / / / / / /

ב

ב ב

אַבאָ

באַ — באָ — באָב



באָב

ב ב ב ב ב ב ב ב

ר אַ ראָב

ר אַ באַר

(0 0 0 ע ע ע ◌ֶ

◌ֶ ע ◌ֶ ע ◌ֶ

באַ — באָ — בע —

באָ — בע — באָבע

אַ בער

בערע

בע! בע! בע!

באָב באָבע בער בערע בע!

אַ באַר אַ בער אַ ראָב אַ באָבע

ר ר ד ד ד ד

ד דאָ דע דאָדע

דאָדע

דאָרע

דאָדע. בערע. דער בער

אַ באָבע

באָבע

דאָדע

ו או אָ אַ ו או

אַ דודע

דו — דו — דו — דו — דו



רעדער

אַ ראָד

אַ רודער



אַ בודע

אַ דאַרער

8.

י אָי אַי ײַ

אָי, אָי, אַ בער!

אַי, אַי, אַ



אַ ראָד

רעדער

דרײַ רעדער

— גאָ אַ יאָגער?

— יאָ! יאָ!

9.

אַ וואָווע

י י י י י י י י י י

ג ג ג ג ג ג ג ג

דרײַ װײַבער, בײַ יעדער װײַב אַ



אײֵ ײֵ ••

אײֵער



דרײ אַ ראָד

10.

באָבע: וואָווע, באַר,

אָדער ?

וואָווע: בײדע.

ע ע ע ע ע ע ע ע ע

ל ל ל ל ל ל ל ל ל

11.

ז   אַ זיידע

ראָזע, זע, בעז!

אַ, בעז, בווײַז, באַווײַז!

•   י   י   אי

זי איז די באָבע, ער איז דער

זיידע. זע, זע, די באָרד.

דער ווי די, די ווי דער.

ער ווי זי, זי ווי ער.

דרײַ ברידער: דער איז דאָדע,

דער איז בערע דער איז וואָווע.

12.

ל ל ל ל ל ל ל ל

אַ לײב

דער לײב איז ווילד

אַ לײב. אַ לײבעלע.

אַ בער. אַ בערעלע.

געלדע, בלײַב דאָ, ווײַל וועלוועלע וויל.

ווער איז וועלוועלע?

וועלוועלע איז איר ברודער.

וועלוועלע, לײבעלע, בערעלע, בער!

וועלוועלע איז אַ ליב

לײזער איז אַ בײזער.

וי איז אַ רויז

רייזעלע וויל אַ רויז.

זע, זע, אַ רויז, בלי רויזעלע, בלי!

ביילע וויל אַ לעז, לעז ביילע,

אויב דיר איז ליב.

13.



ג אַ וואָג

זעליג. אַ געוועלב.

זעליג, זאָג וואו איז די וואָג?

גיי וועג איבער די רײַז.

דער זיידע איז גרוי.

גאָלדע איז אַ אַ גאָלד.

אַ (כתב) אַ אַ אַ

אָ (כתב) אָ אַ אָ אָ אַ

׳ י ״ ײַ אָי אַי ײֵ אֵײ

אי או אוי

ב (כתב) ב באָב אַבאָ

ע (כתב) ע באָבע אַ באָבע

ג (כתב) ג באָבע, גיב באָב!

15.

ר ר אַ באַרג



אַ באַרג

בערג

אַ גרוב

גריבער

ד ד א דודע

דרייַ ברידער:

באָרע, בערע, דאָרע.

16.



ז ז אַ זייַגער

זע אַ זייַגער, זע די ווייַזער.

זעג, זעג: זיג־זאַג!

זיג־זאַג!

זע, זע, אַ גרוב, גיי דאָ.

17.

// // וו וו וו וו

וואו איז וואָווע? דאָ איז ער.

וואו איז ריווע? דאָ איז זי.



ל ל

אַ וואַלד

ל ל ל ל ל ל ל ל ל

ל ל ל ל ל ל ל ל ל

דער לײב איז אײדל, דער בער איז גראָב, אַ װעלװעלע איז דאַר, אַ װעלװעלע איז בײז, אַ װעלװעלע איז װילד.

זעלדע איז אַ ליב

די באָבע איז בײז,

װאָס װיל די באָבע?

זי װיל אירע בלויע..

18.



ט ט

טײַבעלע - גרו,
טײַבעלע - גרו,
וואו ביזטו?

גיטעלע איז אַ טײַער, גוט
זי איז אַלט דרײַ יאָר.

גיטעלע איז דרײַ יאָר אַלט.

אָט איז אַ וויגעלע. ווער
ליגט דאָרט?
טעוועלע.
ליג, ליג, טעוועלע, ליג דאָרט ביז טאָג.

ווער בעט אַ גלאָז טייַ?
גיטעלע.
גיט איר, גיטעלע איז זייַער גוט.

19.

נ ן

נ ן

גראָז איז גרין, די זאַנגען—געל.
די רויז—רויט, די ערד איז רונד.

גאָט, גאָט, גיב אַ רעגן!
ווּעט זײַן רעגן, ווּעט זײַן ברויט.

ווער וויגט די גראָזן?
דער ווינט.

די ערד ליבט רעגן
און זון.

די גאַנז לײגט אײער? יאָ!
און דער גאָנער? נײן!

ברײַנדעלע, נאַ אַן איי. אײער
זײַנען אי גוט, אי געזונט.

אָט איז די באָבע,
און אָט איז דער זײדע,
איר זאָלט געזונט זײַן
בײדע, בײדע!

20.

ה

העזעלע, האָז, ליג באַהאַלטן אין גראָז,
דער יעגער גײט! ער גײט מיט זײַן הײזן
הונט.

אַרעלע--נאַרעלע האָט געװײנט; ער האָט געזען די העלע זון און האָט געבעטן זײַן טאַטן: טאַטעלע, ברײנג די גאָלדענע זון אַהער, אונטן.

האָדל האָט אַן
עלטערן ברודער:
גאָדל. האָדל איז
אַלט אַ יאָר און אַ
האַלב, גאָדלען
ווערט באַלד ניַין
יאָר. זאָגט אָבער
גאָדל, אַז האָדל
איז אינגער, וויַינט
זי: זי וויל זיַין עלטער.

21.

ס O

וואָס איז דאָס? אַ וואַסער. ווער
זיַינען די וויַיסע דאָרט, אין וואַסער?
אַ גענזעלע און אַן ענטעלע.

יאָסעלע, ווילסט עסן?
ניין.
וואָס ווילסטו?
לערנען.

בעסי וויל אַ רויז. גיי,
יאָסעלע, אין גאָרטן און
רייַס אַרויס אַ רויז.

אַ ליליע איז ווייַס.
גאָלד איז געל.
וואָס איז זיס
און וואָס איז ביטער?

ניסעלע און זיסעלע האָבן געגעסן
אַ ביטער ניסעלע, האָבן זיי גענאָסן.



אַי איז דאָ הײַס! ווילסט גײן אין גאָרטן? דאָרטן איז בעסער.

22.

פ ף פ ף

אַ פערד האָט פיר פיס, אַי לויפט ער!

פרײַדעלע האָט ליב
פאָרן אַף אַ פור, נאָר
פײַװעלע האָט ליב
רײַטן אַף אַ פערד.

פײגעלע, פלי! רײזעלע, בלי! זונעלע
פײַערל, גלי! אי װי גוט! אַי װי פײַן!

ליגט אַ העזעלע אין
גראָז, גיט אַ װינטעלע אַ
בלאָז, לױפט עס, פאַלט
עס אַף דער נאָז.

פײגעלע, פלי! רײזעלע, בלי! זונעלע
פײַערל, גלי! אַי װי גוט! אַי װי פײַן.



יאָסל האָט
אַ ר ײ ף,
וואַרפט ער
דאָס רײפל
באַרג אַרופ.

אַ אינגל האָט געבעטן זײַן
טאַטן: טאַטע, בריינג אַ פײַפל.
— וואָס וועסטו טאָן?
— פײַפן! אַי וועט עס זײַן אַ
פײַף!

23.

ק ק

די קו עסט גראָז.

אַ קראָ פליט; קוק ניט,
קוק ניט. אַ קראָ איז אַ
בייזער פויגל: קראַ! קראַ!
ווידער קראַ און אָבער קראַ!



קײלע איז אַ גוט קינד. ברײנג, קײלינקע, פון קוואַל אַ פול קריגעלע קאַלט וואַסער. גיס פון קריגעלע אין קענדעלע, פון קענדעלע אין די גלעזער און דערלאַנג אונז. אַלע װעלן טרינקען.

אַ דאַנק דיר, גוטינקע, קלוגינקע, קלײנינקע, אַ דאַנק!

קײלע איז אַ גוט קינד. ברײנג, קײלינ-
קע, פון קוואַל אַ קריגעלע וואַסער.

וואָס אַ ליגנער קען
זאָגן: אַ קו איז געפלויגן, אַ
הינקעדיקער איז געלאָפן
פײַל פון בויגן, אַ טויבער
האָט געהערט, אַן אײזל האָט געקלערט!

24.

מ ם   מ ם

דער מילנער מאָלט אין מיל מעל,
דער בעקער פאַרקנעט דעם טײג,

באַקט ברויט און זעמל. די מאַמע
קויפט בײַם בעקער און מיר אַלע עסן.
די מאַמע זאָגט יעדן: עס, זאָל דיר
וואויל באַקומען.

מאָטעלע מיט מירעלען זײַנען
אַרומגעגאַנגען אין קלײנעם גאָרטן.
האָט מאָטעלע דאָרט גענומען אַ
בלימל און געגעבן מירעלען. מירעלע
האָט דאָס בלימל געהאַלטן אין
וואַסער. זי האָט דאָס זײער געהיט.
דאָס בלימעלע האָט בײַ מירעלען
לאַנג, לאַנג געלעבט.

דער מילנער מאָלט אין מיל מעל.

מײַן קלײנע, קלוגע מירעלע
עפנט אוף דאָס טירעלע,
פליט דאָס זומערל אַרײַן —
ווערט איר גוט און וואַרים זײַן!
זומערל, פון וואַנען?
פון דאָרטן און פון דאַנען.

25.

פ פּ

וואָס איז גרעסער און וואָס איז בעסער:
אַ פּויק, צי אַ פּײַקל? אַ פּויק איז
גרעסער און אַ פּײַקל איז בעסער.

קאָפּעלע האָט אַ וואויל קעפּעלע.
לערן, קאָפּעלע, וועסטו באַקומען אַן
עפּעלע.

דאָס פייגעלע פּיקט: פּיק! פּיק!
דאָס זייגערל קלאַפּט: טיק! טיק!
דאָס פערדעלע האָפּסט: האָפּ! האָפּ!
בערגעלע אַרויף, און בערגעלע אַראָפּ.

פּינעלע און פּערעלע זענען
אַ פּאָרעלע; פּינעלע ווי אַן
עפּל, פּערעלע ווי אַ קרעפּל.

דאָס פייגעלע פּיקט: פּיק! פּיק!
דאָס זייגערל קלאַפּט: טיק! טיק!
דאָס פערדעלע האָפּסט: האָפּ! האָפּ!

26.

ץ צ צ ץ

ציפּעלע האָט געפּיטערט דאָס ציגעלע אַף דער לאָנקע. איז פּלוצלונג צוגעלאָפן אַ הינטעלע און האָט אַ ביל געטאָן. דאָס ציגעלע איז הענדום־פּענדום אַנטלאָפן.

ציגעלע־מיגעלע, קום צוריק! דאָס איז צוציקל, אונזער הינטעלע.

ציגעלע-מיגעלע, קום צוריק! דאָס
איז צוציקל, אונזער הינטעלע.

געצעלע־קעצעלע, נאַדיר אַ העלצעלע
און גיב מיר דײַן פּעלצעלע!
גיט דאָס קעצעלע מיט אַן אײַגעלע
אַ בליץ, מיט אַ צײַנדעלע אַ קריץ:
דאָס פּעלצעלע קומט מיר אַלײן צוניץ!

וואָס וויל ציפּעלע? — אַ צוקערל.
וואָס וויל טעלצעלע? — אַ פּעלצעלע.
וואָס וויל געצעלע? — אַ קעצעלע.

אַ הינטעלע אַ צוציק.
אַ פערדעלע אַ קוציק.
זאָג, וואָס ווילסטו, צוציקל?
זאָג, וואָס ווילסטו, קוציקל?
צוציק וויל אַ האַם,
קוציק וויל אַ צאַם.

ציפּעלע האָט געפּיטערט דאָס ציגעלע.

אײַנס און צװײַ—עס בליצט אַ בליץ,
צירעלע, צירעלע, אין צימער זײַן!
אײַנס און צװײַ—אַ דונער קנאַלט—
צירעלע, צירעלע, אַ רעגן פאַלט.

װער איז גרעסער, ציפּעלע
צי איר צעפּעלע?

27.

ש *e*

מֹשֶׁה רַבֵּנוּ האָט געפּיטערט שאָף.

האָט אײן קלײן שײן שעפּסעלע
פּלוצלונג אָנגעהויבן לויפן. שנעל שנעל
איז דאָס שעפּסעלע געלאָפן. משה
רבנו האָט דאָס געיאָגט, ווײַל ער האָט
געמײנט, אַז דאָס שעפּסעלע וויל אַ
שטיף־טאָן און אַנטלויפן אין וויסטעניש.
ערשט וואָס? דאָס שעפּסעלע איז בײַ
אַ קוואַל געבליבן שטײן, האָט
געטרונקען פון קלאָרן וואַסער און דעם
דאָרשט געלאָשן. משה רבנו האָט
דאָס מידע שעפּסעלע גענומען אַף די
פּלײצעס און דעם גאַנצן וועג דאָס
באַשעפעניש געטראָגן.

משה רבנו האָט דאָס מידע שעפּסעלע
געטראָגן אַף די פּלײצעס.

אין וואַסער שווימט אַ פישעלע
און צאַפּלט מיט'ן עקעלע;
נאַדיר ברויט אַ קרישעלע,
נאַדיר פלייש אַ ברעקעלע·

שמוליק איז זייער אַ שיין קינד· ער האָט שוואַרצע אויגן, שוואַרצע לאָקן· ער לעזט שוין גאַנץ שנעל, קען שיין און ריין שרייבן, ער שרייבט אָפט צו זיין זיידן און צו זיין באָבען בריוו· די אַלטינקע וואוינען אין אַ ווייט קליין שטעטעלע·

דאָס העזעלע

עס פאַלט און שיט, עס פאַלט און שיט
אַ ווייסינקער, אַ שניי,
דערשראָקן ווערט דאָס העזעלע,

טוט ביטער אַ געשריי.
דאָס העזעלע—זײַן נעזעלע
אין גריבעלע פאַרשטעקט.
ער האָט דאָס שוין, דאָס פרעסטעלע
דאָס בײַזינקע דערשמעקט.
קומט אָן דאָס בײַזע יעגערל,
דאָס יעגערל קומט אָן,
און שיסט דאָס קלײַנע העזעלע—
וואָס האָט עס אים געטאָן?
אַז וויי איז צו דעם העזעלע,
צום שטילינקן איז וויי!
מיט בלוט מיט רויטן ווערט באַשפּריצט
דער ווײַסינקער, דער שניי.

אַז וויי איז צו דעם העזעלע, צום
שטילינקן איז וויי!

28.

פ ק  כ ך

וואָס לײַכט? אַ ליכט.

די זון לײַכט ליכטיקער.

ווער לאַכט? די זון.

רעכעלע לאַכט העכער.

וואָס לײַכט? אַ ליכט.

מיכעלע

עס איז געוואָרן נאכט, און מיכעלע
טראַכט נאָך גאָרניט פון שלאָפן גײַן.

געטרונקען מילכעלע האָט שוין מיכעלע,
און האָט פאַרביסן מיט אַ קיכעלע,
האָט געשטיפט און געלאַכט—
זאָג, מיכעלע: אַ גוטע נאַכט!

מיכעלע, מיכעלע,
טו גיך אויס דאָס שיכעלע,
טו אויס דאָס רעקעלע,
צי אַראָפּ דאָס זעקעלע,
פאַרבייַג זיך, פאַרנייַג זיך,
און אין בעטעלע לייַג זיך.

מיכעלע האָט זיך טאַקע באַלד אין בעט געלייַגט, די אייַגעלאַך פאַרמאַכט און איַינגעשלאָפן. אין שלאָף האָט ער אַ שמייַכעלע געטאָן. אַז ער האָט זיך אופגעכאַפּט, האָט אים זיַין מאַמע געפרעגט: פאַרוואָס האָסטו געשמייַכלט, מיכעלע?

איך האָב אַ מלאַכל געזען, האָט
מיכעלע געענטפערט, אַ מלאַכל מיט
ווײַסע פליגעלאַך.

די באָבע נעכע האָט אַן אייניקל,
רופט מען אים בערעלע. ער איז, נעבאַך,
אַ שוואַכינקער, אַ בלייכינקער, האַלט
זיך קוים אַף די פיסעלאַך.

האָט די באָבע נעכע פאַר אים אַ
יאַיכעלע אָפגעקאָכט, זוכט זי אים,
בערעלען, מיט'ן טעפעלע געקעכטס און
שרײַט:

— בערעלע, וואו ביסטו?

איך האָב פאַר דיר אַ יאַיכעלע, זופּ
זופּ—אַ געזונט דיר אין בײַכעלע!

די באָבע גיט מיכעלען אַ יאַיכעלע.



דאָס פֿישעלע אין טײַך

גלײַך און קרום, און קרום און גלײַך,
פֿליסט אַ טײַכעלע, אַ טײַך —
שווימט אַ פֿישעלע דאָרט לײַכט,
גלאַנצט דאָס שאָלעכצל אים פֿײַכט,
שאָרכען גרעזעלאַך בײַם ברעג,
צאַפּלט פֿישעלע פֿאַר שרעק:
ס'לויערט דאָרט אַף אים אַ העכט,
אַי, אַי, ביטער! אַי, אַי, שלעכט!
גיט אַ פאָך גיך מיט דעם עק —
ניטאָ דאָס פֿישעלע. אַוועק!

כ ך, ח כ ך, ח

חָנעלע און חַײמ׳קע זענען צװײ
חַבֵרים· זענען זײ אײנמאָל געגאַנגען
שפּאַצירן· האָט חָנעלע געזען אַף אַ דאַך
אַסך פֿײגעלאַך· האָט ער חַײמ׳קען
אַ שטורך געטאָן און געזאָגט:

—חַײמ׳קע, זעסט, דאָרט הויך, אַפֿ׳ן
דאַך שטײען פֿײגעלאַך, כאַפּ זײ!

—ווי אַזוי? — האָט חַיִמ׳קע געפרעגט.
—אָט שטייט אַ לייטער, קריך אַרויף!
האָט חָנעלע געענטפערט.
חַיִמ׳קע איז אַ אינגל אַ כוואַט. ער
איז גלייך אַרופגעקראָכן. די פייגעלאַך
אָבער, זענען זיך צעפלויגן ווי פייל פון
בויגן.
האָט זיך חָנעלע צעלאַכט: כאַ־כאַ־
כאַ! אַי, חַיִמ׳קע, אַי ביסטו אַ כוואַט!

אַ פוקס איז אַ חַיָה.
אַ לייב איז אַ חַיָה.
אַ לעמפּערט איז אַ חַיָה.
נאָר מיין שוועסטער חַוָה איז
ניט קיין חַיָה.

חַיִמ׳קע איז אַ אינגל אַ כוואַט.

אַ קו איז אַ בְּהֵמָה,
אַ ציג איז אַ בְּהֵמָה,
אַ פערד איז אַ בְּהֵמָה,
נאָר מײַן ברודער שעפּסל איז
ניט קײַן בְּהֵמָה.

אַ גאַנז איז אַן עוף,
אַ האָן איז אַן עוף,
אַ הינדעלע איז אַן עוף,
נאָר מײַן שוועסטער הינדעלע
איז ניט קײַן עוף.

מײַן ברודער שעפּסל איז ניט קײַן
בְּהֵמָה.

אַ הינדעלע איז אַן עוף.

30.

תּ ת שׂ

תּ ת שׂ

מײַן ברודער שׂמְחֶה לערנט אין
תַּלְמוּד־תּוֹרֶה. דער טאַטע זאָגט, אַז
שׂמְחֶה איז אַ תַּלְמִיד־חָכָם.

דער טאַטע האָט אָנגעצונדן די
לאָמפּן, איבערגעביטן די קאַפּאָטע,
די מאַמע האָט די צװײ חַלות מיט אַ
װײַס טישטוכל צוגעדעקט און האָט
ליכט געבענטשט.

ס'איז שַׁבֶּת!

—זאָג, שׂמחה, ווען איז שׂמחת־תּורה?
—וואָס פרעגסטו זיך אַזוי נאָך אַף
שׂמחת־תּורה?
ווײַל אום שׂמחת־תּורה איז פרײַלאַך
ס'איז שׂמחה וששׂון!

שַׁבָּת

קומט דער שַׁבָּת־קודש—
בענשט די מאַמע ליכט,
און עס שטראַלט פאַר נחת
ליכטיק איר געזיכט.
מאַכט דער טאַטע קידוש
אַף דעם זיסן ווײַן—
אַי, טאַטע־מאַמע, ליבע,
געזונט זאָלט איר מיר זײַן!

שַׁבָּת בענשט די מאַמע ליכט.

פ ק  כּ ק

געטראָפן

געפרעגט האָט דער רֶבּי די קינדערלאַך זײַנע:
— זאָגט מיר נאָר, קלײנינקע, ליבינקע מײַנע,
ווען איז דער יום-טוב, דערצײלט אויב איר ווײסט.
זאָגט מיר, איר גוטינקע, זאָגט, ווי ער הײסט?
צי איז ער אַ ווארימער און אַ באַגרינטער?
צי איז ער מיט שנײען באַשאָטן, אום ווינטער?
ער הײבט מיט אַ ליכטעלע אָן זיך, מיט אײנס,
אַ ליכטל אַ ליכטיקס, אַ פלעמל אַ קלײנס,
און ס׳מערן די ליכט זיך אַ נאַכט נאָך אַ נאַכט,
מע הײבט אָן מיט אײנס און מע ענדיקט מיט אַכט.
— חנוכּה! — שרײַען זײ אַלע צום רֶבּי׳ן.
חנוכּה, טאַקע! געטראָפן, כ׳לעבן.

וו רעטעניש האָט דער רֶבי געפרעגט.

בּ ב בּ ב

אַבְרָהָם אָבִינוּ האָט ליב געהאַט
אורְחִים. זײַן שטוב איז געװען אָפן
פאַר אַלעמען. ער פלעגט זײ געבן

עסן און טרינקען פון כָּל־טוב און פלעגט זיי אָפּגעבן גרויס כָּבוד. ער אַליין האָט זיי שטענדיק דעם טיש געדעקט און באַדינט.

פרײַטיק איז עֶרֶב־שַׁבָּת. דער קליינער רְאוּבן האָט ליב שַׁבָּת און יום־טוב. פרײַטיק האָט ער אויך ליב, ווייל פרײַטיק לערנט מען נאָר אַ האַלבן טאָג אין חֵדֶר. רְאוּבן זאָגט: לערנען איז טאַקע אַ גוטע זאַך, נאָר לערנען אַ האַלבן טאָג איז גענוג.

רִבְקָה און לָבָן זענען געווען אַ שוועסטער און אַ ברודער. זיי זענען אָבער ניט געווען איינע אין די אַנדערע געראָטן. יַעֲקב און עֵשָׂו זענען אויך

לײַבלאַכע ברידער געװעזן און זענען
ניט געװען ענלאַך. אױב איר װילט, װעל
איך אײַך װעגן זײ װאָס דערצײלן.

33.

חַ חַ



נֹחַ איז געװען אַ צַדִיק. אַז גאָט האָט
געװאָלט אַראָפּשיקן אַף דער װעלט אַ
מַבּול, האָט ער אָנגעזאָגט נֹחַ׳ן, ער זאָל
מאַכן אַ תֵּבָה. נֹחַ האָט געמאַכט
אַ תֵּבָה און האָט אַהין אַרײַנגעלאָזן

פון אַלע חַיות און עופות. אַז דער
מַבּול האָט אופגעהערט, זענען אַלע
אַרויס און נֹחַ האָט געדאַנקט גאָט.
ער האָט אופגעשטעלט אַ מִזְבֵּחַ און
האָט אַף אים געריכערט קְטוֹרֶת. דער
גוטער רֵיחַ האָט פאַרשמעקט ביז ווייַט.

טיטוס דער רָשָׁע האָט זיך גערימט
פאַר גאָט מיט זייַן כֹּחַ. האָט אים גאָט
אַנטקעגן געשיקט אַ קלייַן שוואַך
פליגעלע און אָנגעזאָגט:

—פלי צום רָשָׁע און זייַ אים מְנַצֵחַ!

דאָס פליגעלע איז אים דורך זייַן
נאָז אין קאָפּ אַריינגעפלויגן. און האָט
געפּיקט אים אין מוֹחַ, ביז דער רוֹצֵחַ
דער רָשָׁע איז געשטאָרבן.

טיטוס הרשע און דאָס פליגעלע.

טש טש

וואָס איז דאָס, אַ קוטש צי אַ טאַטשקע?

איטשעלע איז נאָך אַקלײנטשיק אינגעלע· ער טויג זיך אָבער צו אַלץ·

ווילט איר, איז ער אַ פישער· ער נעמט אַ דינטשיק טשוועקעלע, פאַרבויגט עס אַ ביסל, איז עס אַ האָטשיקל· בינדט ער דאָס האָטשיקל צו צום בײַטשל, איז עס אַ ווענטקע· זעצט ער זיך בײַם ברעג טײַכל און טשאַטעוועט אַ פישעלאַך·

ווילט איר איז ער אַ רֶבּי׳ קיין אַלֶף־בֵּית ווייס ער ניט, נאָר אַ קאַנטשיק האַלטן קען ער.

ווילט איר, איז ער אַ פערדעלע׳ שפּאַנט זיך אַיין אין קוטש, וואו מען פירט מיסט און שרייַט און קוויטשעט: וויאָ! וויאָ!

אַ טשיקאווער אינגעלע איטשעלע׳ איאָ?

אַ נאַר באַלאַבאָטשעט.
אַ גאַנז גאַלאַגאָטשעט.
אַ ווערימל טאָטשעט.
אַן עקסעלע ריטשעט.
אַ חַזיר׳ל קוויטשעט.

די באָבע טשאַרנע איז אַן אַלטיטשקע מיט

אַ סך קנייטשעלאַך אַפ׳ן פּנים, מיט אַ טשעפּטשיקל אַפ׳ן קאָפּ. גייט זי אַרום אַ גאַנצע וואָך מיט אַ פולן פאַרטאַך און רופט די הינדעלאַך און קאַטשקעלאָך: טשיפּ! טשיפּ! טשיפּ!

פרײַטיק שטעלט זי אַ טשאָלנט
אַף שַבָּת. איז ער געשמאַק.
שַבָּת טוט זי אָן די שפּאַקולן
און לייענט טײַטש-חומש. אײן
גאָט פֿאַרשטייט וואָס זי לייענט:
זי זאָגט ניט, נאָר זי טשאָמקעט.

איז מאָטעלע אַ אינגעלע אַ פֿײַנער,
מיט אייגעלאַך שוואַרצינקע פֿון אַ ציגײַנער,
ער נעמט די ביכעלאַך זײַנע האַק און פּאַק
און לויפֿט זיך לערנען מיט׳ן קנאַק —
האָפּ-האָפּ-האָפּ! און האָפּ-טשיק-טשאַק!

35.

זש זש

אין דער קוזשניע שטײט דער שמיד

שמיד! פאַרזשאַווערט איז דאָס איַיזן,
הייב דעם האמער מיט אַ ליד —
טו דיַין גְבוּרָה גרויס באַווייַזן!
שפריצן אַזש די פונקען הייס,
דאָס איַיזן גליט מיט מַזל־בְּרָכָה,
און פון פָּנים רינט דער שווייס
ער זינגט אַ ליד און שמידט אַ סאָכע.

זשאַמעלע און רוזשעלע זענען אַף אַ לאָנקע געווען. רוזשעלע האָט געקליבן בלימעלאַך און זשאַמעלע האָט זיך גלאַט אַזוי געקיַיקלט אַפ׳ן גראָז און געמאַכט קאָזשאָלקעס.

ניט וויַיט פון אים האָט אַ פערד געהירזשעט. אַ זשוקעלע איז מיט אַ הירזשעריַי פאַרביַיגעפלויגן. פון דער נאָענטער סאַזשעלקע האָבן זשאַבעס געקוואַקעט. זשאַמעלע האָט אַ גרינע זשאַבע איז האַנט געכאַפּט און הויך זיך צעזונגען:

לִיגסט אין וואַסער
זשלאָק און זשלאָק!
זידלסט, ברידלסט
ביז פאַרטאָג.

זאָג, וואָס ווילסטו?
וועמען שילסטו?
זאָג זשע, זאָג זשע,
זשאַבע, זאָג!

אַי אַ זשאַבע, אַי אַ זשאָבע!
פול מיט קנײטשן, ווי אַ באַבע.

דערווײַל איז רוזשעלע מיט אַ קראַנץ בלומען צו זשאַמעלען צוגעקומען. זי איז אָבער באַלד אַנטלאָפן, ווײַל זי האָט זיך געהאַדזשעט.

מענדעלע הענדעלע, קוקעריקו!
זאָג מיר נאָר, מענדעלע הענדעלע, דו!
בײַ וועמען-זשע האָסטו דײַן מיצל באַשטעלט?
און וויפיל גענומען דער קירזשנער האָט געלט?
דאָס הענדעלע ענטפערט גאָר פשוט און פראָסט:
דאָס מיצעלע רויט האָט מיר גאָרנישט געקאָסט.
דאָס הענדעלע ענטפערט הויך: קוקעריקו!
דער קירזשנער איז גאָטעניו, ברוך־הוא!

א בּ ב ג ד ה ו ז ח ט י כּ כ ך ל ם

װ ךְ

א בּ ב ג ד ה ו ז ח ט י כּ כ ך ל מ ם

װ

ְ ָ ַ ִ ֵ ֶ ֻ וּ וֹ

נ ן ס ע פּ פ ף צ ץ ק ר שׁ שׂ תּ ת זש טש

נ ן ס ע פּ פ ף צ ץ ק ר שׁ שׂ תּ ת זש טש

צווי נייע ביכער יעצט עבען ערשיענען פאר אידישע שולען און היימען:

1 אויסגעוויילטע שריפטען פון ש. ש. פרוג

2 אויסגעוויילטע שריפטען פון י. ל. פרץ

אין יעדען בוך קומט די ביאָגראפיע פון פערפאַסער מיט אַ ווערטער-ביכעל פיר די שווערע ווערטער.

דיזע צוויי ביכער זיינען צוזאַמענגעשטעלט און איבערגעשריבען פון יעקב לעווין (פערפאַסער פון „די נייע אדישע שול") אין אַ ריינעם אידיש לויט ווי עס ווערט איצט געלערענט אין די מאָדערנע אידישע פאָלקס-שולען.

דיזע אויסגעוויילטע שריפטען דארפען זיך געפינען אין יעדע אידישע הויז און אין יעדער אידישע שול, אום אונזערע אמעריקאַנער אידישע קינדער זאָלען עס לערנען און בעקאַנט ווערען מיט אונזערע אידישע קלאַסיקער, און בכלל זיי זאָלען האָבען אַ בעגריף פון דעם לעבען און ווירקען פון אונזערע ברידער אויף יענער זייט ים.

פרייז אויסגעוויילטע שריפטען פון פרוג 50 סענט.

פרייז אויסגעוויילטע שריפטען פון פרץ 60 סענט.

היברו פאָבלישינג קאָמפּאַני

52-50 עלדרידזש סטריט נויארק